שוכני עפר

עשה למען שוכני עפר

כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא
ADMAS KODESH
אדמת קודש
להצלת בתי עלמין ברחבי תבל The Preservation of Jewish cemeteries worldwide

קאמפיין תשע"ב


# טאפלטע שטיצע ערוואַרטעט ערב יום הקדוש צום היי־יעריגן "אדמת קודש - כופר נפש" קאמפיין

## לאור קריאת הקודש פון הרבנים הגאונים שליט"א איבער די איבערמידליכע קאסטבארע אונטערנעמונגען היי־יאר - און צוליב אויסנאמליכע פעולות לטובה דעם פארלאפענער זומער

ניו יארק. - בלויז געציילטע טעג טיילט אונז אפ פונעם הייליגן טאג יום הקדוש המשמש ובא, ווען כלל ישראל קוקט ארויס אפגעשטעמפלט צו ווערן מיט א גוט געבענטשט און זיס יאר, אז מיר זאלן שוין געהאלפן ווערן להיפקד בדבר ישועה ורחמים, טאקע אין די פארכטיגע טעג גרייט זיך דער חרדי'שער ציבור אין אמעריקע צום גרויסארטיגן "כופר נפש קאמפיין" לטובת די הייליגע פעולות נשגבות וכבירות בנוגע הצלת בתי עלמין איבער די וועלט.

היי־יאר ווערט ספעציעל ערוואַרטעט טאפלטע שטיצע פונעם ריזן ציבור - אפצוגעבן צוויי מאל ח"י דאללער: $36 - אלס כופר נפש פאר זיך און די בני בית שיחיו, נאכדעם וואס עס איז פארבייגעלאפן א יאר אנגעפולט מיט פילצאליגע פעולות כבירות לטובת בתי חיים, און ספעציעל איבער די לענג און ברייט פון אייראפע.

גארנישט האלט נישט אפ די חשובע און מסירות נפש'דיגע עסקני "אדמת קודש" מיט זייערע פעולות און אקטיוויטעטן איבער די לענג און ברייט פון אייראפע, אונטערן פערזענליכן אויפזיכט פונעם גרויסן גענעראל ונשיא "ועד להצלת בתי עלמין באייראפע", דער שריד לדור דעה, תלמידו מובהק פון הגאונים הקדושים הגרי"צ דושינסקיא, החזון איש, הגרי"ז מבריסק, זכר צדיקים לברכה, דאס איז יבלחט"א הגאון הגדול רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבת הרמה ד'לאנדאן, וועלכער האט נאך אנגעהויבן עוסק צו זיין אין דעם ענין פון היטן אויף מקומות הקדושים מיט א יובל יארן צוריק, ואתו עמו הרבנים הגאונים והצדיקים שליט"א.

אין די בחינה פון "אינהו מהתם ואנן מהכא", ווערן די מערכות למען הצלת בתי חיים באגלייט דורכן חשובן "ועד הרבנים" שע"י "אדמת קודש בארצות הברית" הגה"צ רבי בנציון לאוב שליט"א מר"ץ קהל יטב לב, הגה"צ רבי מאיר צוויבל שליט"א ר"מ במתיבתא הק' קרית יואל, הגה"צ רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א ראש הכולל ד'סאטמאר.

די הייליגע פעולות קדושות ווערן אונטערגעשטיצט מיט די איבערמידליכע השתדלות, פילצאליגע פעולות, און פיזישע ארבעט דורך די חשובע טיכטיגע עסקני אדמת קודש אין שפיץ פונעם ענערגישן יו"ר הרבני הנגיד הנכבד מוה"ר גרשון שלעזינגער הי"ו וועלכע זענען עומד על המשמר און זענען שטארק אקטיוו בכל מה דאפשר.

בלויז אין די איצטיגע טעג און וואכן ליגן אויפן טיש פון די רבני ועסקני "אדמת קודש" א רשימה פון צענדליגער בתי חיים איבער די לענגע און ברייט פון אייראפע, וועלכע ווערט געטריי באגלייט; אפצוהאלטן פארשידענע פעולות וועלכע קענען חלילה גורם זיין א געפאר פון חיטוטי שכבי ה"י; און פארשידענע אנדערע הלכה'דיגע קאמפליצירטע ענינים וועלכע ווערן באהאנדלט דורך די חשובע רבנים הגאוה"צ שליט"א,

(המשך זייט 2)

## "בעבור אבותינו" שבטחו בך!

ספעציעל הערשט היי־יאר א שטארקער התלהבות צווישן תלמידי וחסידי סאטמאר זיך אנצושליסן מיט א פארשטערקערטע שטיצעביים איצטיגן "אדמת קודש - כופר נפש" קאמפיין, זייענדיג אונטערן רושם פונעם היי־יעריגן היסטארישע און הייליגע נסיעה "בעבור אבותינו" צו די שטאט סיגוט יע"א, אין שפיץ פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, נאכן "בניית חצר הקודש ושיפוץ הבית החיים".

דער הייליגער בית החיים בעיר סיגוט יע"א, דער אוהל הק' און שטח הבית המדרש, וועלכע זענען געווען אין א שטארק נאכגעלאזטן מצב; צעשטערטע מציבות; א וועג וואו מען איז געגאנגען אויף קברים וואס איז א שטארקער בזיון פאר שוכני עפר; אין געוואוקסן זענען אנגעזייעט געווארן אויף געוויסע שטחים אינעם בית החיים, א.א.וו. איז תיל"ת גענצליך איבערגענומען און רענאווירט\איבערגעבויט געווארן לכבוד ולתפארת בית אבותינו ורבותינו הק' זי"ע.

די הייליגע ארבעט איז צוגעגאנגען מיט די פולסטע פאראנטווארטליכקייט אונטער די פערזענליכע באגלייטונג פון "אדמת קודש - ועד להצלת בתי עלמין באייראפע" וואס האט געהאלטן א וואכזאם אויג און אכטונג געגעבן נישט צו רירן קיין זיז כל שהוא פונעם אוהל אוועק פון די ארגינעלע יסודות. און די צענדליגער משתטחים אויפן ציון הק' אין די לעצטע וואכן זענען פארגאפט געווארן צו טרעפן

(המשך זייט 6)

# טאפלטע שטיצע ערווארטעט ערב יום הקדוש צום היי־יעריגן "אדמת קודש - כופר נפש" קאמפיין

(המשך פון זייט 1)

וועלכע זענען מכריע כדת מה לעשות.

### טיילווייזע רשימה פון פעולות כבירות:

פאלגענד איז א טיילווייזע רשימה פון בתי חיים מיט וואס "אדמת קודש - ועד להצלת בתי עלמין" האט זיך אפגעגעבן בלויז דעם פארלאפענעם יאר שנת תשע"א לפ"ק, און רובם ככולם זענען נאך אונטערגענומען געווארן בעפארן זומער, ביז חודש שבט העעל"ט.

**פוילן:**

לאמזשער בית החיים" ב"ה אפגעראטעוועט פון חפירות בס"ד; ביים "בית עלמין אין פראגא" ווערט די השתדלות ועסקנות פארגעזעצט בסייעתא דשמיא; אין "קראקא" איז דער עפר הביה"ח צוריקגעקערט געווארן על מכונו; אין "לעבארג" איז די העפטיגע עסקנות אין שוואונג; אין "קאליש" ווערט א וואכזאם אויג געהאלטן; שווערע השתדלות ועסקנות אין קראפט; אין "ראפשיץ" האט מען שוין ערהאלטן די פערמיטן און די גדרי הביה"ח ווערן אוועקגעשטעלט; אין "בראדנאוו" האלט עס אינמיטן העפטיגע פארהאנדלונגען בסייעתא דשמיא.

**איטאליע:**

אין "אוריע" איז ב"ה אפגעהאלטן געווארן די גראבונגען, און די עסקנות ווערט ווייטער פארגעזעצט בלב ונפש ובסייעתא דשמיא.

**עסטרייך:**

אין "אינסברוק" איז נתגלה געווארן א קבר אחים און די עסקנות איז אין פולן שוואונג; אין די שטאט "גראז" איז ב"ה נישטא מער קיין חפירות, די פארהאנדלונגען ווערן ווייטער פארגעזעצט; אין "היינבורג" איז די השתדלות ועסקנות אין קראפט.

**רומעניא:**

דער בית החיים אין "באזשאר" איז גענצליך אפגעראטעוועט געווארן פון פארניכטונג בס"ד; אין "רומאן" ווערן געמאכט חקירות און אינמיטן משא ומתן איבער די גבולות; אין "יאס" אינסוועסטירט העפטיגע השתדלות; אין "בארלאד" זענען די דרישות וחקירות אין שוואונג; אין "בוטושאן" ליגן די שלוחי הועד בעובי הקורה, גרייט אויף פליה־רייזע.

**אוקריינא:**

בלויז אין די לעצטערע וואכן זענען אפגעראטעוועט געווארן 5 קברי אחים פון פארניכטונג! דריי קברי אחים אין "ראוואַ־רושקא" ב"ה אפגעראטעוועט פון שרעקליכער בזיון, און אזוי אויך 2 אנדערע אין "ראטין" און אין "אויסטערזעץ"; אין "בוסק" זענען די עצמות הק' ב"ה נקבר כדת וכהלכה; אין "אוסקאוויטש" איז דער בית החיים אפגעראטעוועט פון חפירות בס"ד; אין "סטראזיטש" וועט דער שטח איבערגעדעקט ווערן אין נאנטע טעג.

**טשעכיי:**

אין "טאכאוו" האלט מען אצינד אינמיטן העפטיגע השתדלות בסייעתא דשמיא; אין "פראג" ווערט דער מקום קדוש רענאווירט און צוריקגעשטעלט בס"ד.

**שפאניע:**

אין "טאלעדאר" איז שוין דער פערמאנאנטער גדר פולקאם פארענדיגט און אוועקגעשטעלט, נאכן רעגיסטרירן דעם בית החיים, און אוועקשטעלן מציבת זכרון פאר די קדושי עליון; אין "סעוויל" האלט מען אצינד אינמיטן העפטיגע השתדלות בסייעתא דשמיא.

**פראנקרייך:**

אין "ענזעט" ווערט פארגעזעצט די שווערע און פארצויגענע עסקנות; אין "פאריז" ווארט מען אויף די נויטיגע פערמיטן, עסקנות איז אין שוואונג; אין "מיץ" איז מען אצינד אינמיטן העפטיגע השתדלות.

**סלאוואקיי:**

אין "קאסטאלאני" איז דער בית החיים ב"ה באהיטן נאך שווערע עסקנות.

**ליטא:**

אין "ווילנא" איז דער אור־אלטער בית החיים ב"ה אפגעראטעוועט בעז"ה ובסייעתא דשמיא, אין "וואלאזשין" איז עס אצינד אין פאזע פון חקירות ודרישות.

און נאך פילצאליגע אנדערע בתי חיים שהשתיקה יפה להם, און די מעשי העסקנות וועלן בעז"ה בקרוב נתפרסם ווערן.

### א זוממער פול מיט איבערמידליכע פעולות

שטייענדיג ביי די ענדע פון א העכסט־פארנומענעם זוממער־סעזאן ווערט איבערגעגעבן מטעם עסקני "אדמת קודש" אז אין די קארידארן פונעם בארימטן "ועד להצלת בתי עלמין באייראפע" האט מען דעם פארלאפענער זוממער זוכה געווען צו א אויסטערלישע סייעתא דשמיא און געוואלדיגע הצלחה אין היניזכט פון אפראטעווען קברי ישראל איבער די לענג און ברייט פון גאנץ אייראפע.

(המשך זייט 4)

## אפעקטיווער זיצונג ביים רומענישן אמבאסאדער ירה איבער בתי עלמין אין רומעניא













## הגאון רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל:

# איך האב חרטה!

**ס'איז** באקאנט וואס דער גרויסער מציל ומושיע הגאון הצדיק רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל - וועלכער האט פיל עוסק געווען אין הצלת נפשות דורכאויס די ביטערע וועלט־מלחמה יארן - דערציילט אין זיין ספר 'מן המיצר', אז דורכאויס די ביטערע מלחמה־יארן האבן זיך געוואנדן צו אים די פרעשבורג'ער חברה־קדישא־לייט און זיי האבן אים געבעטן אז ער זאל זיי העלפן אפראטעווען דעם בית עלמין אין פרעשבורג, וועלכע איז געווען אין א געפאר פון געשעדיגט ווערן.

נעמענדיג אין באטראכט אז אין יענע תקופה איז געווען דם ישראל נשפך כמים טאג טעגליך, טויזנטער אידישע קינדער זענען ליידער געפירט געווארן צו די גאז קאמערן טעגליך! און אזויפיל טויזנטער זענען אומגעברענגט געווארן מידי יום ביומו אויף אנדערע שוידערליכע אופנים, האט רבי מיכאל בער זצ"ל זיי געענטפערט אז ער איז יעצט זייער טרוד מציל צו זיין די "לעבעדיגע", און ער קען זיך נישט יעצט באשעפטיגן מיטן מציל זיין די "מתים".

"איך האב חרטה" - שרייבט רבי מיכאל בער זצ"ל מיט ווייטאג אין זיין ספר 'מן המיצר' נאך די קריג - "אויב וואלטן מיר דעמאלטס געטון גענוג פאר די שוכני עפר, וואלטן "זיי" געקענט פועל'ן די ישועה פאר די לעבעדיגע! און ביידע וואלטן אויפגעראכטן געווארן"!

*

איינע פון די שווערקייטן וואס באגלייטן די חשובע עסקני אדמת קודש שיחיו איז, אז עס פארמאגט נישט קיין באשטימטער "יערליכער בודזשעט", ווייל עס ווענדט זיך אין יעדן קעיס באזונדער, איין קעיס איז קאסטבאר, און די אנדערע איז פיל מער קאסטבאר, און טאקע דעריבער איז שווער אויסצורעכענען פון פאראויס און אפשאצן וויפיל געלט עס פאדערט זיך אויפן קומענדיגן יאר.

אבער אויפן פארלאפענעם יאר איז יא פארהאן א קלארער חשבון: דער פארלאפענער יאר האט אפגעקאסט פאר די הייליגע ארגאניזאציע א האלב מיליאן דאללאר להצלת קברי ישראל!

שטייענדיג ככלות השנה - נאך א ביטערער יאר באגלייט מיט אומדערהערטע טראגעדיעס ה"י - איז פארהאן א קלארער און אויספרובירטע סגולה, בדוק ומנוסה: עשה למען שוכני עפר! דורכן זיך אנשליסן איינעם העפטיגן "כופר נפש קאמפיין" פון $18 פער נפש, און דערמיט שאפן א שטארקן רוקן־ביין פאר די הייליגע פעולות נשגבות.

איבערהויפט זיך גרייטנדיג צו ערב יום הקדוש, וואס די פוסקים שרייבן אז ערב ר"ה ויו"כ זאל מען ארויסגיין אויף בתי חיים, און בעטן פון די שוכני עפר אז זיי זאלן מתפלל זיין אויף די לעבעדיגע, איז קיין ספק אז דורכן זיך אריינווארפן אפצוהיטן מקום מנוחתם פון אבותינו ורבותינו הק' קדושי עליון ושרפי מעלה, וואס צדיקים מדורות הקודמים האבן געצייטערט ארויסצוזאגן זייער נאמען, וועלן די צדיקים וקדושים געוויס זיין פאר אונז מליצי יושר און וועלן זיין אונזערע סניגורין אויסצו'פועל'ן אלעס גוטס פאר אונז להיפקד בדבר ישועה, און באהיטן צו ווערן מכל צרה וצוקה.


כופר נפש
$18
לטובת החזקת מפעל הקדוש
אדמת קודש
להצלת בתי עלמין בכל קצוי תבל
וויושר יליצו בעדינו חיות אש!

# טאפלטע שטיצע ערווארטעט ערב יום הקדוש צום היי־יעריגן "אדמת קודש - כופר נפש" קאמפיין

(המשך פון זייט 2)

די חשובע און מסירות נפש'דיגע עסקני הועד געבן איבער אז אין זייער לאנגיעריגע היסטאריע פון הצלת קברי ישראל איבער אייראפע ווערט נישט געדענקט אזא פארנומענער סעזאן ווי אין די לעצטע חדשים - אנגעהויבן פונעם פארלאפענעם חודש אייר, סיון, תמוז, אב, און אלול.

דורכאויס דעם גאנצן סעזאן איז נישט אדורכגעלאפן קיין גאנצע פיר טעג, אן דעם וואס עס זאל נישט אפגעהאלטן ווערן א נסיעה איבער איינע פון די פאלגענדע מקומות: דייטשלאנד; פראנקרייך; רומעניא; אונגארן; ליטא; אדער פוילן.

מערערע זענען די רבנים ועסקנים שליט"א אנגעקומען אויפן ארט מיט גרויס סייעתא דשמיא בעתו ובזמנו! ווען דער טראקטאר איז שוין געווען אויפן ארט, חרב חדה מונחת, מען האט זיך שוין געגרייט צו גראבן רח"ל, און אין די לעצטע מינוטן איז די בוי־ארבעט אפגעהאלטן געווארן, און די בוי־פלענער זענען געטוישט געווארן, דורך די העפטיגע שתדלנות און איבערמידליכע אקטיוויטעטן פונעם "ועד", אינאיינעם מיט די הייליגע ארגאניזאציע "אדמת קודש" אין אמעריקע.

טראצדעם וואס ס'איז גאר ווייטאגליך זיך צו דארפן ספראווען מיט שווערע און פארפלאנטערטע פעלער, און נישט שטענדיג באווייזט מען ליידער אויסצופירן געווי וואס דער ווענטש און האפענונג פון די רבנים הגאונים והצדיקים שליט"א איז געווען, דאך איז א פריידיגער פאקט מיטצוהאלטן מיט די פילצאליגע פאזיטיווע אנטוויקלונגען. איבערהויפט אין דייטשלאנד, פוילן, און אוקריינא, ווי עס איז צום דערקענען די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייטן הרבנים הגאונים חברי הועד שליט"א אין שפיץ פונעם גרויסן גענעראל ההולך לפני המחנה הגאון האדיר רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ראש ישיבה הרמה ונשיא הועד.

## מליצי יושר צום יום הדין!

טייערע אידישע ברודער! קיינער פון אונז איז נישט מסופק אז דורכן זיך אריינווארפן אפצוהיטן מקום מנוחתם פון אבותינו ורבותינו הק' קדושי עליון ושרפי מעלה, וואס צדיקים מדורות הקודמים האבן געציטערט ארויסצוזאגן זייער נאמען, וועלן די צדיקים וקדושים געוויס זיין פאר אונז מליצי יושר און וועלן זיין אונזערע סניגורין אויסצו'פועל'ן אלעס גוטס פאר אונז להיפקד בדבר ישועה, און באהיטן צו ווערן מכל צרה וצוקה.

עס איז צום האפן אז כלל ישראל - וועלכע קוקט ארויס און האפט אויף די ווייטערדיגער הצלחה פון די חשובע רבני ועסקני הועד - וועלן אנטיילנעמען אין די ריזיגע הוצאות, דורכן זיך אנשליסן אינעם מאסיוון "אדמת קודש - כופר נפש קאמפיין" ערב יום הקדוש, מיט די סומע פון $36 - פאר זיך און פאר די בני בית שיחיו - און דערמיט זיין איינהאנדלען די פאסיגע אדוואקאטן צום הייליגן טאג!

ויושר יליצו בעדינו חיות אש!

## ביי אן אסיפה נחוצה צווישן די רבני הועד שליט"א איבער א פאל פון חיטוחי שכבי אין רומעניא





## ביים באטראכטן א מקום קבורה אין דרום־לאנדאן, וועלכע שטייט אין א סכנה



הגאון רבי אליקים שלעזינגער שליט"א ר"י הרמה דלאנדאן, נשיא הועד



הגאון בעל אגלי דבש שליט"א, דומ"ץ קרית יואל

# דעת תורה

## מאת גדולי וזקני דורינו בארה"ב ובאייראפע שליט"א

בעזהשי"ת

# למען שוכני עפר

הן ידוע שחברי עסקני **הוועד להצלת בתי עלמין באייראפע** ואתם עמם עסקני

## "אדמת קודש" בארה"ב

עושים לילות כימים במסי"נ להשתדל בהצלת אלפי בתי עלמין ישראל בכל תפוצות ישראל,
ות"ל שבתקופה אחרונה עלה בידם ברוב רחמיו וחסדיו להציל כמה בתי חיים ממש מהירוס ממש רח"ל.

למותר לציין את גודל ההוצאות בכל הפעולות שעולה להון תועפות,
על כן אנו פונים לאחב"י, לבא לעזרת השם בגיבורים אשר רובם ככולם כמתי מצוה
אשר חיוב קבורתם הוא חובת כל אחד ואחד, ואנו שלוחא דרחמנא ודיין במצוה גדולה זו,

**ובמיוחד בימי הרחמים והסליחות שהמתים מתפללים על החיים,**
**ענין גדול הוא שיתן כל או"א סכום צדקה עבור**

# כופר נפש

**ובוודאי שימליצו טוב לאלו אשר עוסקים ומסייעים בגוף ובממון וכל המוסיף מוסיפין לו.**

ובזכות ישיני עפר נ"ע נזכה לישועות הכלל והפרט ובברכת כתיבה וחתימה טובה בספרן של צדיקים ושנת גאולה וישועה.

באנו על החתימה בחודש הרחמים והסליחות למען שוכני עפר נ"ע

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| **אליקים שלעזינגער** | **חיים מאיר הלוי וואזנער** | **אהרן דוד הלוי דונער** | **זאב הלוי פעלדמאן** | **יוסף פדווא** |
| ראש ישיבה הרמה | ראב"ד שבט הלוי זכרון מאיר ב"ב | ראב"ד לאנדאן | רב דקהל עץ חיים לאנדאן | דומ"ץ התאחה"ק |

| | | | |
|---|---|---|---|
| **עזריאל שעכטער** | **בן ציון בלום** | **שמעיה לעוו** | **גרשון צבי גליק** |
| דומ"ץ בלאנדאן | דומ"ץ באבוב לאנדאן | דומ"ץ וראה"כ ד'סאטמאר לאנדאן | דומ"ץ בלאנדאן |

גם אני מצטרף לקריאת הרבנים הגאונים שליט"א לקח חבל במצוה רבה זו ביד רחבה, וזכותם הגדול ישמור להתברך בכוח"ט ושנה טובה ומבורכת בכל מילי דמטיב

**משה חיים אפרים פדווא**
גאב"ד לאנדאן

הרינו מצרף להנ"ל - אשריהם העושים למען קדושים אשר בארץ, חודש הרחמים תש"ע

**שמואל הלוי וואזנער**
גאב"ד שבט הלוי זכרון מאיר ב"ב

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| **אלימלך אשכנזי** | **שלום קרויז** | **יהודא הלוי טירנויער** | **יחזקאל ראטה** | **משה האלברשטאם** | **משה גרין** | **חיים ישעי' קעניג** |
| אב"ד מעלבוירן | אב"ד אודווארי | אבד"ק שומר שבת | אב"ד קארלסבורג | אב"ד קיוויאשד | ר"י דמאנסי | אבד"ק יאקא |

# התרגשות'דיגער מעמד הלוי' ומעמד קבורת העצמות אין ווילנא



















## "בעבור אבותינו" שבטחו בך!

(המשך פון זייט 1)

א הערליכן שיינעם הויכן אוהל, וואס איז בלי שום ספק לכבוד ולתפארת ולנייחא רוחא לנשמתם הק'.

אין די זעלבע צייט איז צום ערשטן מאל אויסגעפלאסטערט געווארן א וועג, א וועג וואס גייט נישט אויף קיין קברים, און עס פארלייכטערט די וואס קומען זיך משתטח זיין אויפן ציון הק' אז זיי זאלן קענען צוקומען געהעריג צום הייליגן ציון.

ביים עריכת שלחנו הטהור פון מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א על אדמת קודש אין סיגוט יע"א, ביי די יומא דהילולא קדישא פון מרן הגה"ק בעל קדושת יום טוב זי"ע, האט דער רבי שליט"א ארויסגעהויבן בדברי שבח והערכה די הייליגע פעולות פון "אדמת קודש - ועד להצלת בתי עלמין" - אין שפיץ פונעם גרויסן גענעראל ונשיא הועד שליט"א - די העלדישע גיבורי כח וועלכע האבן זיך ארייגעווארפן אינעם אונטערנעמונג.

און עס איז קיין צווייפל אז דורכן זיך אנשליסן און ארויסהעלפן די הייליגע אונטערנעמונגען, וועלן מיר אלע זוכה זיין צום "יושר יליצו בעדינו חיות אש", שטייענדיגע אין אזעלכע הייליגע זמנים, און אונזערע הייליגע רבי'ס וועלן בלי ספק מכיר טוב זיין פאר אלע משתתפים בכפלי כפליים, מיט געזונט פרנסה ונחת, וכל מילי דמיטב.

# מעמד קבורת העצמות פון א קבר אחים אין די שטאט יאס







הרה"ג ר' נפתלי הערצקא צוויבל שליט"א ראש הכולל ד'סאטמאר מרבני אדמת קודש, איז ספעציעל אפגעפלויגן צום מעמד קבורה

## אסיפת הרבנים צווישן גדולי רבני אייראפע שליט"א ביים היסטארישן הצלת בית החיים אין ווילנא





## הגאון הגדול נשיא הועד שליט"א מיטן פוילישן הויפט־רב הרב מרדכי יוסף שודריך ביים אדורכגיין די גענויע מאפעס פון א בית החיים אין פוילן



כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא

ADMAS KODESH

אדמת קודש

להצלת בתי עלמין ברחבי תבל The Preservation of Jewish cemeteries worldwide

# טיילווייזע רשימה

פון בתי חיים מיט וואס

## אדמת קודש

ועד להצלת בתי עלמין

האט זיך אפגעגעבן
בלויז דעם פארלאפענעם יאר

## תשע"א

### פוילן:

**לאמזשע:**
ב"ה אפגעראטעוועט פון חפירות בס"ד

**פראגא:**
השתדלות ועסקנות פארגעזעצט בסייעתא דשמיא

**קראקא:**
דער עפר הביה"ח איז צוריקגעקערט געווארן על מכונו

**לעבארג:**
העפטיגע עסקנות אין שוואונג

**קאליש:**
וואכזאם אויג געהאלטן; שווערע השתדלות ועסקנות

**ראפשיץ:**
פערמיטן ערהאלטן; גדר הביה"ח בקרוב

**בראדנאוו:**
אינמיטן העפטיגע פארהאנדלונגען בסייעתא דשמיא

### רומעניא:

**באזשאו:**
געוועלדיק אפגעראטעוועט פון פארניכטונג בס"ד

**רומאן:**
חקירות געפארשט; אינמיטן משא ומתן איבער די גבולות

**יאס:**
פיל סייעתא דשמיא געפאדערט; אינמיטן העפטיגע השתדלות

**בארלאד:**
דרישות וחקירות אין שוואונג

**בוטושאן:**
שלוחי הועד בעובי הקורה, גרייט אויף פליה-רייזע

### אוקריינא:

**ראווא-רושקא:**
3 קברי אחים ב"ה אפגעראטעוועט פון שרעקליכער בזיון

**בוסק:**
עצמות הק' ב"ה נקבר כדת וכהלכה

**אוסקאוויטש:**
אפגעראטעוועט פון חפירות בס"ד

**סטראזיטש:**
שטח וועט איבערגעדעקט ווערן אין נאנטע טעג

**ראטין:**
קבר אחים אפגעראטעוועט פון בזיון בעז"ה

**אויסטערזעץ:**
קבר אחים צוריקגעשטעלט על מכונו בס"ד

### איטאליע:

**אוריע:**
קיין גראבונגען ב"ה; עסקנות פארגעזעצט

### עסטרייך:

**אינסברוק:**
קבר אחים נתגלה געווארן, עסקנות אין שוואונג

**גראז:**
ב"ה קיין חפירות, פארהאנדלונגען פארגעזעצט

**הייגבורג:**
עסקנות והשתדלות ווייטער פארגעזעצט בסייעתא דשמיא

### פראנקרייך:

**ענזעט:**
אינמיטן שווערע און פארצויגענע עסקנות

**פאריז:**
ווארטנדיג אויף פערמיטן; עסקנות אין שוואונג

**מיץ:**
אינמיטן העפטיגע השתדלות

### טשעכיי:

**טאכאוו:**
אינמיטן העפטיגע השתדלות בסייעתא דשמיא

**פראג:**
מקום קדוש רענאווירט און צוריקגעשטעלט בס"ד

### שפאניא:

**טאלעדאו:**
פערמאנאנטער גדר פארענדיגט און אוועקגעשטעלט

**סעוויל:**
אינמיטן העפטיגע השתדלות בסייעתא דשמיא

### ליטא:

**ווילנא:**
אפגעראטעוועט בעז"ה ובסייעתא דשמיא

**וואלאזשין:**
אין פאזע פון חקירות ודרישות

### סלאוואקיי:

**קאסטאלאני:**
ב"ה באהיטן נאך שווערע עסקנות

און נאך פילצאליגע אנדערע בתי חיים

**שהשתיקה יפה להם**

און די מעשי העסקנות
וועלן בעז"ה בקרוב נתפרסם ווערן

ווער זוכט דען נישט קיין מליצי יושר?

# קויפט א סניגור צום הייליגן טאג!